# חובת המחאה

## לצאת קרית חוצות לזעוק זעקה גדולה ומרה
## ולפרסם הדברים בפני כל אומ"ה

## מתוך דברי מרן רביה"ק זי"ע

וואס זיי לאזן אביסל איבער אין די שטעט פארשטייט מען דאך, דיא איינציגע זאך זיי האבן דאך אביסל מורא פאר אינדרויסן, הגם ליידער זיי האבן דאך דערווישט די גאנצע וועלט, ס'איז א גרויס אומגליק וואס זיי האבן צו זיך "די רעליגיעזע" כ'וועל שמועסן אפן געשמועסט, רבנים מיט ראשי ישיבות, אלעם איז מיט זיי, ס'איז א ביטער אומליק, און פארוואס זיי היטן זיך, הגם זיי וייסן גאנץ גוט די אומות העולם וועלן זיך זעכער נישט שלאגן פארן דת, ווארן זיי זענען אליין אויף צרות זיי ליידן פון זיי, נו וואס טויג זיי זיך צו שלאגן מיט עהם, פארן דת וועלן זיי זיך זעכער נישט גיין שלאגן, דאס וייסן זיי גוט, און יודען זעהן זיי אויך וואו זיי האלטן, ווארן סאיז דעך דאם אזוי דער מצב ..דאם איז אויכעט אז ס'איז ביי עהם – כאטשיג ער פרעגט נישט נאך די וועלט – ער שיקט דאך שוין צום "כל נדרי אפיל" מאכן, מ'וועט עהם נישט מאכן קיין אפילס, פארדעם זאגן זיי דעם הלל מיט די שהחיינו, זיי ווילן אז מ'זאל האבן עפעס געפיעל אויף דער וועלט, דאס איז דעס גאנצע, נאר איין איינציגע זאך איז דא, וואס זיי שעמען זיך פאר דרויסן, דהיינו פאר די עפענטליכע גאס הפנים, נאך די בתי מדרשים פרעגן זיי נישט, אינעוויינג ביי זיי, נאך דעם פרעגן זיי נישט, אין לאנד וואס מ'קען טוהן האבן זיי עצות, האבן זיי ביטערע שטעקענעס, מיט רוצחים, "די משטרה" וואס זיי קענען שלאגן, פאר אין לאנד האבן זיי נישט מורא, אויסלאנד אז מ'זאגט דארטן אין א בית מדרש'ל צי א פאר בתי מדרשים איז שוואך דאס נוצט ווייניג, פאר די עפענטליכע גאס איז די איינציגע זאך וואס זיי האבן מורא, אז מ'דערציילט פארן גוי, ער האט נישט מורא, דער וועט זיך נישט גיין שלאגן פארן דת, אבער ס'פאסט זיי נישט, אבער דער עיקר איז דער גוי איז משפיע אויפן יוד, ווייל ווי נישט דארפן זיי האבן נאך דעם יוד, ער ווייל נישט פארלירן די צורה, און דער אמעריקאנער עולם די הערן וואס דער גוי זאגט, נישט דעם וואס מ'זאגט אין בית המדרש, דעס וואס די גוים וועלן זיי פירווארפן אמאהל דעס קאן שוין שאטן, ס'קאנען יודען אוועקפאלן, ער שעמט זיך פארן גוי ווייל ער האט מורא פארן יוד....

דאס איז דעס גאנצע זיי האבן מורא אז מ'גייט צום גוי און דער גוי וועט משפיע זיין אויפן יוד, און אזוי וועט עס מוזן גייט, פון די וועלט, דעס בית המדרש קאן נישט גענוג משפיע זיין.

קורץ, אין דעם איז נישטא קיין מקום להסתפק דעס איינציגע מיטל זאלן חלילה, ווארן ח"ו דאס גייט וואס אמאהל וייטער זיי וועלן נאך צושפרן די בתי מדרשים און נישט לאזן קיין תלמוד תורות, זיי האבן אביסל מורא, טאמער אז זיי וועלן זיך געוויינען און זיי וועלן זעהן אז זיי האבן זיך נישט צו פארכטן פאר דרויסן גארנישט, דעמאלץ זאל דער אייבירשטער שומר ומציל זיין, וועט אויפקומען חלילה מ'זאל נישט בלייבן חלילה קיין יודיש קינד אין ארץ ישראל, דעס איינציגע מיטל איז דאס.

מתוך דברות קודש אצל אסיפת התאחדות הרבנים ד' נשא תשי"ח

נעתק ברשות המו"ל מקונטרס השיחה שיצא לאור ע"י מעתיקי שמועה קרית יואל

## כולנו יום ב' חקת במחאה אדירה
## בחוצות וברחובות נגד העברה על הדת